# נקדישך

גליון ת"ג

פ' דברים-ת"ב תשפ"ה

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

**כִּי הִרְחַקְתִּים בַּגּוֹיִם וְכִי הֲפִיצוֹתִים בָּאֲרָצוֹת וָאֱהִי לָהֶם לְמִקְדָּשׁ מְעַט**

### הגאון הגדול שר התורה רבי יונתן שטייף זצוק"ל גאב"ד וויען, מיט אַ האַרץ-רייסנדן בקשה צו די אודים מוצלים מאש, נאָך דער צווייטער וועלט-קריג:

# 'נאָך דעם חורבן ביהמ"ק איז געבליבן נאר איין זאך, דאס איז די עבודת התפילה, זאל מען כאטש דאס התנהגות אין א שול האלטן בשלימות'

**אינעם** היינטיגן גליון (עמוד ז') ברענגן מיר אן ערשטמאליגע העתק פון א מכתב וואס עס האט געשריבן דער וועלט-בארימטער גאון וצדיק שר התורה **רבי יונתן שטייף זצ"ל גאב"ד וויען,** וואו ער פאדערט אויף צו מאכן דעם הייליגן מי שברך פונעם תוס' יו"ט זי"ע, און מ'זאל זיין אפּגעהיטן אין קדושת התפלה.

דער גאון רבי יונתן איז נאך 'אינדערהיים' געווען באַרימט מיט זיין אויסטערלישער גדלות בתורה. ער האט שוין געדינט אַלס דיין אין דער שטאט אונגוואר נאך פאר די ערשטע וועלט-מלחמה! און שפעטער פאר גאנצע 22 יאר אין די גרויסע שטאט בודא-פעסט, וואו ער האָט גע'פּסק'נט שאלות, געשריבן גאונ'ישע תשובות, און איז געווען געשעצט אלס אחד מגדולי דורו - נאך אין יענעם דור דעה!

אין די לעצטע צען יאר פון זיין לעבן האָט ער קובע געווען משכנו אין דער שטאט וויליאמסבורג, וואו די ווינער קהילה האט זוכה געווען אז עלי' הניח צדיק את ראשו, זייענדיג פון די סאַמע גרעסטע גדולי ישראל וועלכע האָבן מיט זייער כח התורה והקדושה צוריקגעבויעט די שארית הפליטה נאָך דעם ביטערן חורבן וואס איז אריבער אויף כלל ישראל.

אין ליכט פון דעם ערשטמאליגן פרסום המכתב, האבן מיר אפגעהאלטן א שמועס מיט דעם חשוב'ן מו"ל פון דעם נייעם ספר, ארייננצוגיין בהיכלו של אותו צדיק, זען וואס קדושת בית המדרש האט געמיינט ביי אים.

אין דעם שמועס האָבן מיר געהערט עטליכע גאר שיינע עפּיזאדן וואס ברענגען המשך אויף עמוד ב'

## - פּרסום ראשון! -

**היסטארישע "מכתב קודש" פון הגאון הגדול רבי יונתן שטייף זצ"ל ראב"ד קהל יראים בודאפעסט, וגאב"ד וויען, איבער קדושת התפילה און דעם הייליגן מי שברך פונעם תוספות יום טוב זי"ע** - עמוד ו'

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

**ה' אֱלֹקֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ בְּחֹרֵב לֵאמֹר.**

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין מדרש (במד"ר, יח) אויפן פסוק (הושע יד, ג) 'ונשלמה פרים שפתינו', אז אין די צייטן וואס די ביהמ"ק איז ליידער חרוב, זענען אונזערע תפילות במקום קרבנות. אזויווי מיר זענען טאקע מתפלל 'שיהא שיח שפתותינו חשוב ומקובל ומרוצה לפניך כאילו הקרבנו קרבן התמיד במועדו'.

דאס קען זיין די רמז דא אין פסוק, **ה' אֱלֹקֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ בְּחֹרֵב,** דער באשעפער גיבט אונז אן עצה אויף די זמנים ווען די ביהמ"ק וועט ליידער זיין חרוב ונחרב, און מיר וועלן נישט קענען מקריב זיין די קרבנות אויפן מזבח, **לֵאמֹר,** אז מיר זאלן זאגן און לערנען די פרשיות פון די קרבנות, און דאס וועט זיין מרוצה כאילו מיר האבן מקריב געווען די קרבנות לרצון לפני ה'. ווי די גמרא זאגט (מנחות קי.) "כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת'. (הגיון ליבי)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק **מפאפא** זצ"ל

בעל ויחי יוסף - י"ג אב תשד"מ לפ"ק

**מַה שֶׁאֲנָשִׁים מְדַבְּרִים בַּתְּפִלָּה זֶהוּ מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁאֲפִילוּ מִיעוּט יִרְאַת שָׁמַיִם שֶׁמְּקַבְּלִים מִתּוֹךְ הַתְּפִלָּה אֵינוֹ רוֹצֶה שֶׁיִּהְיֶה בִּשְׁלֵמוּת.**

(אמרי ויחי יוסף)

# וְשָׁבוּ בָנִים

פאר הרב י. ח. גראס שי' פון ארץ ישראל, וועלכער איז עוסק צוריקצוברענגען פארפאלענע אידישע קינדער צום באשעפער, איז באשערט געווען צו דארפן ווארטן עטליכע יאר בכליון עינים זוכה צו זיין לזרע של קיימא.

ברוב רחמיו וחסדיו המרובים איז ער געהאלפן געווארן, און זוכה געווען צו דער גרויסער שמחה, ס'איז אים געבוירן געווארן א בן זכר למזל טוב. די שמחה איז געווען גאר גרויס.

ויגדל הילד, דאס קינד איז געווארן דריי יאר, מ'האט שוין געהאלטן ביים גליקליכן מינוט ביים אפשערן דעם אויסגעבעטענעם ברוכ'ל, ער איז נאכאלץ געווען א בן יחיד, און די שמחה איז געווען עד אין לשער ולתאר. כמובן האט מען געפראוועט א סעודה גדולה, דאן האט ער כנהוג בישראל, גענומען זיין ברוכ'ל אין חדר. דאס קינד האט געזאגט די א-ב, אויסגעטיילט פעקלעך, דאן האבן די גליקליכע עלטערן פארלאזט דעם חדר, איבערלאזנדיג זייער צדיק'ל צו ענדיגן דעם טאג בין כותלי התלמוד תורה.

א שעה נאכן אוועקגיין באקומט דער פאטער א טעלעפאן קאל פונעם מלמד, אז דער צדיק'ל זעט נישט אויס בסדר.

„ס'איז גארנישט", האט דער טאטע געזאגט. „ער איז אפשר אביסל מיד. גיבט אים אפאר מינוט, און ער וועט קומען צו זיך".

ס'איז אריבער עטליכע מינוט, דער מלמד רופט נאכאמאל און זאגט: „עפעס טויג נישט מיט אים. איך מיין איר זאלט אריבערקומען וואס שנעלער".

מיט איילעניש איז ער אהינגעפארן, אנקומענדיג האט ער זיך זייער דערשראקן פון זיין יונגל'ס אויסזען, דאס קינד האט נישט געהעריג רעאגירט, ווען דער טאטע איז אנגעקומען האט ער פאר זיינע אויגן פארלוירן זיין באוואוסטזיין ה' ישמרנו. מ'האט גערופן הצלה, מ'האט פרובירט מיט אלע כוחות צוריקצוברענגען דאס קינד, אבער ליידער איז שוין געווען נגזרה הגזירה. זיין קליינע הערצעלע האט אויפגעהערט קלאפן... ער האט אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה ליוצרו, ה' ישמרנו.

צום צווייטן מאל אין איין מעת לעת איז די משפחה זיך צאמגעקומען, דאסמאל ליידער צו באגלייטן דעם קינד למנוחת עולם.

הרב גראס איז געווען צעבראכן אויף שברי שברים. דורכאויס די ערשטע פאר טעג פון שבעה איז ער געזעסן מיטן קאפ אראפ. גדולים און חשובים זענען אים געקומען מנחם זיין, און פרובירט אים מחזק צו זיין, אבער ס'איז נישט געווען צו וועמען צו רעדן, וימאן להתנחם...

אויפן פערטן טאג זענען אנגעקומען דריי פון זיינע 'תלמידים', פון די וועלכע זענען געווען גאר שוואך אין אידישקייט, קוים עפעס געהיטן, אויך זיי האבן פרובירט צו רעדן צו אים, אבער ער איז געבליבן זיצן ווי א שטיין, קוים וואס ער האט רעאגירט.

די תלמידים האבן זיך געזעצט אין א ווינקל, און געשמועסט צווישן זיך א ווילע. דערנאך זענען זיי צוגעקומען און אים געפרעגט: „רבי, אויב מיר נעמען זיך אונטער צו היטן שבת די קומענדיגע וואך, ביסטו גרייט זיך מחזק צו זיין אביסל און רעדן צו אונז?..."

הרב גראס האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געפרעגט: „טאקע אזוי? איר זענט באמת גרייט צו היטן די וואך שבת?"

„יא, מיר מיינען עס זייער ערנסט!" האבן אלע דריי געענטפערט.

תיכף ומיד האט זיין בלאסע פנים באקומען חיות, און ער איז געווארן פריש און מונטער. ס'האט זיך באלד פארמירט א געשמאקע שמועס, און פון יענע מינוט און ווייטער איז די גאנצע אטמאספערע געענדערט געווארן מן הקצה אל הקצה.

איינער פון זיינע גאר נאנטע וואס האט דאס צוגעזען, האט זיך שטארק געוואונדערט. זייענדיג גאר נאנט מיט אים האט ער אים געפרעגט, ס'זענען שוין געווען דא עטליכע גדולי הדור, און זיי האבן נישט געטראפן די ווערטער וואס זאלן דיר קענען ארויסשלעפן פון דיין שווערע מצב. וואס האט פאסירט יעצט אז דריי תלמידים האבן זיך אונטערגענומען צו היטן 'איין' שבת, און דאס האט דיך אזוי מחזק געווען?..."

„ווען איך זאל האבן די מעגליכקייט צו קענען פארברענגען נאך איין שבת מיט מיין ברוכ'ל, אפילו איך וואלט געוואוסט אז מ'נעמט אים צוריק מוצאי שבת, וואלט דאס ווערד געווען פאר מיר כל הון".

„פאר אונזער טאטע אין הימל", האט הרב גראס אויסגעפירט, „איז איין שבת מיט זיינע קינדער, ווערד מער ווי סיי-וואס אויף דער וועלט! אויב אין מיין זכות וועלן דריי פארלוירענע נשמות זיך טרעפן מיט זייער טאטן אפילו נאר פאר 'איין' שבת, איז דאס מיר די גרעסטע חיזוק ועולה על כולנה".

*

**די** מעשה האט אונז געגעבן אביסל א נקודה למחשבה, אויף א שאלה וואס מ'האט שוין מער פון איינמאל געהערט פרעגן: ממילא איינער רעדט אין שול בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה, דארף מען אים טאקע להלכה מעורר זיין דערויף, אבער אויב שטייט א איד און שמועסט אינדרויסן פון היכל ביהמ"ד, ער זיצט אין פאליש, אדער ער פארברענגט אין קאווע שטיבל, איז דען דא עפעס אן ענין מ'זאל אים מרמז זיין אז לא עת לדבר?... אדער אפשר פארקערט, זאל ער שמועסן אינדרויסן, און נישט שטערן דאס דאווענען אין שול!

דער תירוץ אויף איז, בנים אתם לה' אלוקיכם, מיר זענען קינדער פון באשעפער, און א טאטע וועט טון **אלעס אין דער וועלט צו קענען פארברענגען אפילו נאר איין שבת מיט זיין קינד!**

אדרבה, פרעגט סיי וועלכער טאטע וואס זיין זונ'ס פלאץ איז געווענליך ליידיג ביז 'נשמת' אדער נאך שפעטער, ווי גרויס איז זיין שמחה ווען איינער האט משפיע געווען אויפן קינד, און ער הייבט אן קומען אביסל פריער. אונזער טאטע אין הימל פריידט זיך אסאך מער ווען מען ברענגט אריין זיינע קינדער אין בית המדרש, ווער עס קען משפיע זיין אויף א צווייטן, איז משמח דעם כביכול אליין!

## הוא מושיענו

המשך פון עמוד א'

ארויס דעם געוואלדיגן זהירות בקדושת מורא מקדש וואס דער גאון זצ"ל האט אלע יארן אזוי מקפיד געווען אויף דעם און מעורר געווען אנדערע צו זיין נזהר דערינען.

*

**פאַלגענד** זענען עטליכע אויסצוגן פון דעם שיינעם שמועס:

ס'איז געווען פון די נושאים וואס ער האט כסדר גערעדט, און אידן האבן דערציילט וואס ס'ליגט זיי אין די ביינער פון זיינע דרשות אלעמאל, סיי וועגן לימוד התורה און סיי איבער קדושת ביהמ"ד.

איך וויל אבער אנהייבן מיט א מורא'דיגע מעשה וואס א איד האט דערציילט.

ס'איז געווען תש"ט שבת שובה, שבת נאכמיטאג. דער איד איז אנגעקומען קיין אמעריקא נישט לאנג פריער, ער האט זיך געדרייט אויף דער גאס אין וויליאמסבורג. ער האט געוואלט הערן עפעס א דרשת התעוררות, ער האט נישט געוואוסט וואו צו גיין, אינמיטן האט אים א איד געזאגט אז ר' יונתן שטייף - א גרויסער רב, רעדט יעצט א דרשה אין וויען'ער שול. איז ער אהינגעגאנגען.

ער איז אנגעקומען צום וויענער שול איז שוין געווען אינמיטן דער דרשה, רבי יונתן איז געשטאנען ביים בימה און גערעדט.

ווען ער איז אנגעקומען האט ער געהערט ווי ער רעדט וועגן אלע תקופות וואס זענען געווען אין כלל ישראל. קודם בזמן ביהמ"ק. די עבודת הקודש וואס איז געווען אין ביהמ"ק און אזוי ווייטער, ס'זענען געווען תקופות פון תורה אין כלל ישראל און תקופות פון עבודה אין כלל ישראל, אזוי איז ער

המשך אויף עמוד ח'

# פיוטים אין מעריבית פון ליל שבת



## דער נוסח אין סידור רב סעדיה גאון

**אונזער** נוסח פון די ברכות קריאת שמע ביי מעריבית פון ליל שבת קודש איז די זעלבע ווי אגאנצע וואך, חוץ ביים אויספיר פון ברכת השכיבנו, ווען מיר זענען משנה צו '**ופרוס עלינו**', ווי שוין אויסגעשמועסט אין פריערדיגע מאמרים בס״ד.

אין די ברכה פון יוצר אור ביי שחרית זענען מיר יא משנה מיטן מוסיף זיין נייע ווערטער, אנגעהויבן מיט '**הַכֹּל יודוך, וְהַכֹּל יְשַׁבְּחוּך**', און שפעטער דעם אויספיר: '**אֵין עֲרוֹך לְךָ וְאֵין זוּלָתֶךָ**', נאכפאלגנדיג מיטן פיוט פון '**אֵל אָדוֹן עַל כָּל הַמַּעֲשִׂים**'; '**לָאֵל אֲשֶׁר שָׁבַת**'.

אין סידור פון **רב סעדיה גאון** איז דא אן אנדערן נוסח אויך אין די ברכה פון המעריב ערבים וואס מ'זאגט ביינאכט: דער נוסח איז ווי פאלגנד:

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר כָּלָה מַעֲשָׂיו בְּיוֹם הַשְּׁבִיעִי, וְיִקְרָאֵהוּ עֹנֶג שַׁבָּת קָדְשׁוֹ, מֵעֶרֶב עַד עֶרֶב, הִתְקִין מְנוּחָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל כִּרְצוֹנוֹ, גּוֹלֵל אוֹר מִפְּנֵי חֹשֶׁךְ וְחֹשֶׁךְ מִפְּנֵי אוֹר, בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמַּעֲרִיב עֲרָבִים.**

אזוי אויך ביי מעריב מוצאי שבת שטייט דארט אן אנדערן נוסח: **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחֹל, וּמְצַפִּין לְנֹגַהּ חַמָּה, וְחוֹתֵם בְּעַד כּוֹכְבֵי רָקִיעַ, כַּדָּבָר שֶׁנֶּאֱמַר הָאֹמֵר לַחֶרֶס וְלֹא יִזְרָח וּבְעַד כּוֹכָבִים יַחְתֹּם, בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמַּעֲרִיב עֲרָבִים.**

ווידער אין דער קומענדיגער ברכה פון 'אהבת עולם' איז דער נוסח אין סידור רב סעדיה לליל שבת:

**לְמַעַן אַהֲבַת עֲמוּסִים, נָטַעְתָּ עֵץ חַיִּים, שַׁבַּת קָדְשְׁךָ מִיָּמִים, וְאוֹתָהּ הִנְחַלְתָּ לִתְמִימִים, וְאַהֲבָתְךָ לֹא תָסוּר מִמֶּנּוּ, כִּי הִיא עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ נֵצַח נְצָחִים, בָּרוּךְ אַתָּה ה' אוֹהֵב עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל.**

אויף דעם אופן איז דא פאר יעדן יום טוב אנדערע נוסחאות מענייני החג.

*

## רב עמרם גאון: טעות בידו

**אינעם** באריטמן '**סדר רב עמרם**', וואס איז דער יסוד און מקור פון אונזער '**סידור**', קריגט ער זיך אויף די וועלכע זאגן אנדערע נוסחאות, און ער שרייבט '**והאומרים אשר כלה מעשיו טעות בידו**', ווייל מען האט אנגעפרעגט **רב נטרונאי גאון** די שאלה צי מ'זאל זאגן 'אשר כלה מעשיו', און ער האט געענטפערט אז דער מנהג אין ביידע ישיבות (פון די גאונים אין בבל) איז, אז מ'זאגט אלע ברכות פונקט ווי אינדערוואכן, און מען איז נישט משנה.

ווידעראום ווען עס קומט צו די הוספות ביי שחרית צו ברכת יוצר, דארט שטייט גאר אין סידור רב סעדיה אז מ'זאל עס נישט זאגן, בשעת אין די פוסקים ווערט גע'פסק'נט אז מ'זאל עס יא זאגן, און **רש״י הק'** שרייבט גאר (בספר הפרדס), אז די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען אנדערע נוסחאות פאר דעם ברכת יוצר פון די ימות החול און באזונדער פאר שבת קודש.

## די חשיבות התפילות אין שבת חזון

**אין** די ספרי קודש, בפרט אין די ספרי חסידות, טרעפט מען גאר גרויסע ענינים איבער די גרויסקייט און חשיבות פון די תפילות וואס ווערן געזאגט אום שבת חזון.

בראש וראשונה שרייבן די הייליגע ספרים מורא'דיגע ענינים אויפן עצם שבת חזון, ווי דער הייליגער **תפארת שלמה** טייטשט די ווערטער פונעם פייטן '**רַב לָךְ שֶׁבֶת בְּעֵמֶק הַבָּכָא**', אז מ'דארף זאגן רַב לָךְ '**שַׁבָּת**' בְּעֵמֶק הַבָּכָא - עס איז גאר גרויס דער 'שבת' אין די ימי בין המצרים, נאך העכער ווי די שבתים פון אגאנץ יאר. און דער תפארת שלמה איז מסביר, אז וויבאלד די וואכן טעג זענען אזוי נידריג און דער צער איז אזוי גרויס, טאקע דערפאר שטייגט די שמחה שבת פיל העכער.

*

### די תפילות פון שבת חזון זענען מעלה די תפילות פון אגאנץ יאר

**הרה״ק המהרש״ם מברעזאן** (תכלת מרדכי ח״ב, תהלים, פרק קטז) שרייבט בשם **הרה״ק רבי אורי מסטרעליסק זי״ע**, אז מען דארף זייער געווארנט זיין אין די תפילות פון שבת חזון, ווייל דאס טוט מעלה זיין די תפילות פון אגאנץ יאר, ווייל עס איז אין די בחינה פון 'תפילה לעני', ווי עס שטייט אין זוהר הק', אז די צעבראכענע תפילה פון אן עני, ווען ער איז אין אן ענגן מצב, טראגט ארויף די תפילות פון אלע אידן, און אין די ימי בין המצרים זענען דאך אידן אין א בחינת עני.

*

### אגאנץ שבת איז די בחינה פון רעוא דרעוין

**רבי צדוק הכהן מלובלין** שרייבט, אז שבת חזון איז אן עת רצון פונקט ווי ביי מנחה יעדן שבת קודש. און ער איז מסביר, אז די סיבה פארוואס דער זמן מנחה פון שבת קודש ווערט אנגערופן 'רעוא דרעוין' איז, וויבאלד בימות החול איז דעמאלס א זמן פון דינים ח״ו, אבער שבת קודש איז מהפך דעם דין צו רחמים, דעריבער ווערט עס דער גרעסטער זמן פון רחמים. אזוי איז דער גאנצער שבת חזון, וואס די ימי החול זענען ימי דין, איז דער גאנצער שבת אין א בחינה פון רעוא דרעוין, און ס'איז א געוואלדיגער עת מסוגל אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן.

אין ספר '**שער יששכר**' (מאמרי חודש תמוז אב) שטייט בשם דעם הייליגן **רבי'ן פון לובלין זי״ע**, אז די דריי שבתים פון די ימי בין המצרים זענען קעגן די שלש רגלים - פסח, שבועות און סוכות.

אויך אין **אוהב ישראל** שרייבט **הרה״ק מאפטא זי״ע: 'שבת חזון גדולה יותר במעלה מכל שבתות השנה'**.

איז מסביר **הרה״ק רבי דוד משה מטשארטקוב זי״ע** (דברי דוד, ליקוטים), אז וויבאלד די טעג זענען טעג פון הסתרת פנים, ווען דער כבוד השכינה איז די מערסטע פארשטעקט און באהאלטן, וועגן דעם האט די קדושת שבת פיל א שטערקערע השפעה, ווייל די וועלכע ווילן נתקרב ווערן קענען מער שפירן ביתר שאת וביתר עוז די שכינה הק'.

דער הייליגער **בארדיטשוב'ער זי״ע** האט געזאגט, אז דער טעם פארוואס דער שבת ווערט גערופן 'שבת חזון' איז, וויבאלד דעמאלס 'זעט' מען - מלשון 'חוזה' - אז דער בית המקדש איז חרוב, און מ'קען שפירן דעם חורבן, און ווער עס איז זוכה, זעט אין דעם שבת דעם בית ראשון ושני בחורבנן, און דער בית השלישי בתפארתו (קונטרס תפארת שמואל).

און דער **רוזינער** האט אמאל געזאגט: פארוואס הייסט דער שבת 'שבת חזון'? ווייל אין דעם טאג קען מען זען אלע עתידות.

הרה"ג רבי **יצחק אייזיק קרישבסקי** שליט"א

# לאמיר גיין אין בית המקדש...! (ב)

## מיטן סעלפאן אין ביהמ"ד - איסור השגת גבול!

**ס'** שטייט אין די הייליגע **חרדים**, אז א איד שטייט שמו"ע און ער טראכט פון זיין ביזנעס, איז ער עובר אויף 'השגת גבול'. - אנטשולדיגט, דא איז נישט דיין אפיס!. על אחת כמה וכמה ווען מען קומט אריין אין בית ה' מיט א טעלעפאן, אפילו ס'איז אויסגעלאשן.

ס'האט מיר אמאל אפגעשטעלט אין גאס, אין בארא פארק, א גרויסער גביר, א מאדערנער מענטש, זאגט ער מיר: "אפילו מיט מיין פליפ-פאון גיי איך נישט אריין אין שול, ווייל אין שול גייט מען נישט מיט קיין טעלעפאן! צום אויבערשטן גייט מען נישט מיט א טעלעפאן, דא איז נישט מיין אפיס".

מ'איז נישט משים לב, דער יצר הרע פאר'תמ'ט דעם מענטש, ער זאל נישט כאפן וואס גייט פאר, ממילא בלייבט אלעס חיצוניות'דיג, ממילא יאגט מען זיך ביים דאווענען, מ'האט נישט קיין געדולד און נערוון צום דאווענען.

איך האב אמאל געזאגט קדיש אין א ביהמ"ד, ס'האט געדויערט א פערטל מינוט לענגער ווי געוועגליך, קומט צו א איד שרייען "טירחא דציבורא!" - כ'האב אים געוואלט זאגן 'נערוון', נישט קיין 'טירחא דציבורא...'

מ'האט נישט קיין געדולד און נערוון צו גארנישט, דאס אלעס איז, ווייל ס'פעלט די פנימיות. און דאס איז דער חורבן בית ה'!

## ביים דאווענען איז אלעס 'געשטארבן'

**ס'איז** דא א מורא'דיגע **'שבט מיהודה'**, פון **הגה"צ רבי יהודה גרינוואלד זצ"ל אב"ד סאטמאר.** ער שרייבט אזוי: 'ווען עס קומט שבת, און דו גייסט מאכן די ברכה פון קידוש, זאלסטו טראכטן, האב איך אגאנצע וואך מקיים געווען דעם 'כל מלאכתך עשויה?' אויב נישט, ווי קומסטו דא אריין צו קידוש?"

איך האב נישט פארשטאנען וואס ער זאגט, 'א גאנצע וואך' כל מלאכתך עשויה? דער ענין פון כל מלאכתך עשויה האט דאך נאר מיט שבת!? וואס מיינט ער?

אבער אין 'זכרון יהודה החדש' איז ער עס מסביר. ער פרעגט א קשיא, וויאזוי קען זיין, ס'קומט אריין שבת דארף זיין כל מלאכתך עשויה. ביז א מינוט פארן זמן איז ער פארנומען מיטן טעלעפאן, אהער און אהין, די רגע ס'קומט דער זמן, דארף מען פלוצלינג געבן א טראכט: כל מלאכתך עשויה. וויאזוי ארבעט דאס?

זאגט רבי יהודה גרינוואלד זצוק"ל. **ווען א איד קומט אין ביהמ"ד דאווענען און לערנען, דארף ער טראכטן, 'יעצט איז שבת! - כל מלאכתך עשויה!' יעצט איז נישט דא קיין ביזנעס.**

א איד עפנט א בלאט גמרא, די שעה וואס איך לערן תורה, יעצט איז שבת קודש! ווען איך גיי דאווענען, יעצט איז שבת! און דעמאלס, אז א איד פירט זיך אזוי אויף, גיבט אים דער אויבערשטער א מתנה, אז ווען ס'קומט שבת קען ער באמת שפירן אז ס'איז כל מלאכתך עשויה.

דאס איז א נייע דערהער וויאזוי ס'דארף באמת אויסקוקן די צורה פון זיך גרייטן צום דאווענען.

## נהלך ברגש - אזוי קומט מען אין ביהמ"ד?!

**ליידער** האט זיך לעצטנס אריינגעכאפט א מנהג מחוסר דעת ותבונה, מ'קומט אריין אין שול 'אן א הוט'.

ביסט נארמאל?! ווער איז אזוי געגאנגען אמאל? איין דור צוריק האט מען געזען א איד אזוי גיין? וואס איז מיט דיר געשען?

כ'האב געזען א וואוילער יונגערמאן אין ביהמ"ד, ער האט געשמאק געדאווענט, זאג איך אים נאכן דאווענען: "זייט נישט ברוגז, איך מעג אייך פרעגן א שאלה?" יא פרעג.

פרעג איך אים: "מיט די שיך וואס דו גייסט יעצט, וואלסטו אויך געגאנגען אויף א באזוך צו להבדיל דער ירום הודו?" קוקט ער מיר אן, און זאגט: "ניין, מסתמא נישט". זאג איך אים, איז פארוואס קומסטו אין שול מיט דעם?

ווייל מ'פארלירט די הרגשים! ס'פאסט אזוי צו גיין? מ'דארף טראכטן אביסל.

**אז דער רבוש"ע וועט זען אז מ'רעכנט זיך מיט אים, מ'טראכט פונעם אויבערשטן, מ'וויל ווערן נאנט מיטן רבוש"ע, איז דאס די ערשטע טריט אין בנין בית המקדש.**

## ועבד הלוי - עבודת התפילה ביים שבט הלוי זצ"ל

**כ'האב** געזען א מאמר וואס מ'האט געשריבן וועגן די הנהגות פון **הגאון האדיר רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל בעל שבט הלוי** ביים דאווענען, בתוך הדברים שרייבן זיי אפאר נקודות.

ער פלעגט יעדן טאג לערנען אפאר שעה פארן דאווענען. זיין זון רבי חיים מאיר זצ"ל האט געזאגט: "מיין טאטע האט אונז אויסגעלערנט, אז נאך 5:00 אינדערפרי האט מען נישט מער וואס צו זוכן אין בעט!"

ער האט געדאווענט ווארט-ביי-ווארט, געדאווענט מיט התרגשות, און געוויינט בדמעות שליש. ער האט זיך נישט גערירט פון פלאץ. ער האט געזאגט: "ווי מאדנע איז א מענטש וואס דרייט זיך ארום אינמיטן דאווענען". נאכן דאווענען האט מען געזען ווי ער איז געבליבן 'איינגעבויגן', ווי ער וויל בלייבן בהכנעה.

מ'האט אים קיינמאל נישט געזען ביים דאווענען מיט א 'ספר'. מען האט אים נישט געזען אריינקומען אין ביהמ"ד, גיין צום דאווענען, מיט א ספר אין די האנט. ס'איז נישט געווען אזא היכי תמצא. יעצט קום איך נישט לערנען, יעצט גיי איך דאווענען צום אויבערשטן.

עס האט זיך אמאל געהאנדלט א שידוך מיט גאר א חשוב'ן בחור, איז מען געקומען צו אים דורכרעדן, האט ער געזאגט: "קוק די ערשטע זאך נאך, ווען שטייט ער אויף, און וויאזוי ער דאווענט". ווען דאס איז נישט מסודר, איז נישט דא וואס צו גיין ווייטער.

אז מ'וועט זיך אזוי אויפפירן, מיט א רצון צו ווערן נענטער צום רבוש"ע, און אז דער רבוש"ע וועט זען אז מיר פרובירן זיך צו פאררעכטן, דעם בית ה' מכבד צו זיין, מיט די גרעסטע כבוד, און מעורר זיין איינער דעם אנדערן, מ'קומט נישט אזוי אין שול, ס'פאסט נישט זיך אזוי אויפצופירן אין בית ה', וועט דער הייליגער באשעפער זען בענייננו, און ער וועט בויען דעם בנין בית המקדש השלישי שיבנה במהרה בימינו.

---

### אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

#### המלאכים שותקים מעבודתם בשעה שאנחנו מתפללים

**שפכו כמים לבך נוכח פני ד'.** כי הדיבורים של איש הישראלי המה ממש נוכח פני ד', וכמו שאמר אא"ז זצ"ל המגיד מקאזניץ, כי מיד כשמתחיל איש ישראל לפתוח פיו בתורה ותפילה, אומרים למעלה לצבא מעלה שישתקו מעבודתם, ולשמוע אל הרינה והתפילה של בני ישראל, ובהתבונן האדם בזה כי כל כך ערבה לד' דיבורי פיו של בני ישראל, ודאי יתלהב בקרבו להוציא דבוריו בשלימות מחשבתו, וזהו 'במדבר בערבה', כשיתבונן כמה ערבה הדיבורים שלו לפני ד', אזי 'מול סוף', יראה להוציא דבוריו בשלימות בדביקות לאין סוף ב"ה. (אמרי אלימלך - גראדזיסק, בפרשתינו)

### וַיַּשְׁמִיעֻנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

#### כשאינו מבין דבר בלימודו יתפלל על הגאולה

**נראה** לי כשילמוד האדם איזה דבר ואינו מבין, יתמרמר על הגלות ויתפלל על הגאולה - כי כאשר האדם אינו מבין התורה בדעתו, הוא שחלק ביהמ"ק שלו עדיין לא נבנה מגודל חטאו, הנה ישוב אל ה' על עונותיו, ויתמרמר על הגלות, ויתפלל על הגאולה, ותתחזק דעתו, ויראה פלאות מה שלא ידע. (אגרא דפרקא יב)

# עבודת התפילה
## אצל הרה"ק מרן הסבא מקעלם זי"ע
נפטר ח' אב תרנ"ח לפ"ק

### תולדות צדיק

**הגה"ק רבי שמחה מרדכי זיסקינד זיו זי"ע**, באקאנט אלס **דער אלטער פון קעלם**, איז געווען פון די גרעסטע תלמידים פון רבי ישראל סאלאנטער זי"ע, דער מייסד פון תורת המוסר. ער האט אויפגעשטעלט זיין ישיבה אין שטאט קעלם, וואס איז געווען דער פאן-טרעגער פון אלע מוסר-ישיבות אין דער ליטע און איבער דער גאנצער וועלט.

פון די קעלמער ישיבה זענען ארויסגעקומען די גרעסטע מוסר-לייבן פונעם קומענדיגן דור.. ער איז נפטר געווארן ערב תשעה באב שנת תרנ"ח.

### געדאווענט מיט מסירות נפש

**עס** האט דערציילט תלמידו **הגאון רבי אליהו לופיאן זי"ע**, וועלכער האט געלערנט אין דער קעלמער ישיבה אין דער לעצטער תקופה איידער די פטירה פונעם 'אלטער':

דעם לעצטן חג הסוכות פון זיין לעבן איז ער שוין געווען גאר שוואך, אויף אזוי ווייט אז ער האט נישט געקענט האלטן אין דער האנט דעם מהודר'דיגן אתרוג, וואס איז איינגעקויפט געווארן ספעציעל פאר די 'תלמוד תורה' (אזוי האט געהייסן די ישיבה), נאר ער האט גענומען אן אנדערן אתרוג, וואס איז געווען עטוואס קלענער און געוואויגן וויניגער.

פונדעסטוועגן, כאטש זיין שטארקע חולשה, איז ער געשטאנען אויף די פיס ראש השנה ביי מוסף פאר דריי לאנגע שעות, און בשעת מעשה געהאלטן אין דער האנט זיין סידור קעגן זיינע הייליגע אויגן, און געדאווענט מיט איבערמענטשליכע כוחות הגוף והנפש.

נאך האט ער דערציילט, אז אמאל אנהייב חודש אלול, איז אים באפאלן א גאר הויכע היץ (פיבער), וואס האט אויסטערליש אפגעשוואכט זיין הייליגן, אויסגעלייטערטן גוף, און ער האט נישט געקענט קומען אין ישיבה אין די ערשטע צוויי וואכן פון חודש אלול. אין איינע פון די טעג איז זיין היץ גאר ארויפגעגאנגען אזוי הויעך ווי 24 צעלסיוס (העכער 701 פערנהייט).

אין יענע טעג האט מען מסדר געווען א מנין קבוע אין שטוב פונעם אלטער, אז ער זאל קענען דאווענען אלע תפילות מיט מנין. כאטש זיין שרעקליכע שוואכקייט האט ער זיך געוואלט אויפשטעלן דאווענען, און די תלמידים האבן אים אונטערגעהאלטן אז ער זאל נישט אראפפאלן. ער האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין בעט, זיך אנגעטון זיינע קליידער צום דאווענען, און געדאווענט מיט א קול רעש גדול און התלהבות אזויווי שטענדיג, צום וואונדער פון אלע אנוועזנדע.

### דער עומק פון תפילה במשנתו פונעם אלטער

**בנוגע** דאס ענין פון דאווענען פלעגט דער אלטער פון קעלם זאגן:

לכאורה: וואס איז דער ענין פון דאווענען? מיר ווייסן דאך א כלל גדול, אז א איד איז מחוייב צו דינען דעם אויבערשטן סיי-ווען ער האט צער און סיי ווען ער האט נישט צער, און אדרבה, ווי מער מניעות און שוועריגקייטן דער מענטש האט, דארף ער זיך מער פרייען ארויסצואווייזן זיין שטארקע אמונה. אויב אזוי: וואס איז פשט פון מתפלל זיין אויף צרות און פראבלעמען וואס מ'האט?!

נאכמער איז שווער: דער באשעפער האט דאך זיכער רחמנות אויף זיינע ברואים, און ער זארגט פאר זיי פיל מער ווי זיי אליין קענען זיך זארגן און רחמנות האבן אויף זיך אליין, איז וואס איז פשט פון בעטן ביים אויבערשטן? ווייסט ער דען נישט וואס מיר דארפן און וואס ס'איז גוט פאר אונז?!

האט דער אלטער געענטפערט: דער ציל פון דאווענען איז נישט בלויז אז די צרכים זאלן ערפילט ווערן, נאר אז דער מענטש זאל אליין אנערקענען און אריינבאקן אין די ביינער אז ער איז גענצליך אנגעהאנגען אינעם אויבערשטן. ביים דאווענען דערמאנט זיך דער איד, און ער חזר'ט, אז ער איז יעדע רגע גענצליך איבערגעגעבן צו די גרויסע חסדים פון השי"ת.

מיט דעם האט ער ערקלערט פארוואס חז"ל רופן אן תפילה מיטן לשון פון 'עבודה', ווי די גמרא זאגט 'איזהו עבודה שבלב זו תפילה'. 'עבודה' רופט מען געווענליך אן א זאך וואס איז שווער, און פארלאנגט אסאך אנשטרענגונג. וואס איז אזוי שווער מיט תפילה, און פארוואס זאל עס פארלאנגען אזויפיל אנשטרענגונג?

ענטפערט דער אלטער: דער אויבערשטער פירט דאך די וועלט על פי חוקי הטבע, אויף אן אופן פון 'סיבה ומסובב'. צום ביישפיל: א חולה נעמט מעדיצינען און ער ווערט אויסגעהיילט; א בעל הבית אינוועסטירט זיין געלט אין א געשעפט און ער פארדינט פון די רווחים, און אזוי ווייטער.

**קומט אויס אז דער מענטש איז כסדר עוסק מיט פעולות וואס ברענגט לכאורה ארויס דאס פארקערטע פונעם אמת, ווייל ער טוט פעולות פון השתדלות וואס מאכט אויסקוקן ווי גלייך ער ברענגט זיך אליין זיין געזונט, פרנסה און הצלחה. וועגן דעם פעלט זיך אזוי וויכטיג אויס צו דאווענען דריי מאל א טאג, כדי אריינצונעמען אין הארץ אז 'אין עוד מלבדו' - בלויז דער רבוש"ע קען העלפן!**

דערביי דארף מען אויסרייסן פון הארץ די פאלשע מחשבות, ווי גלייך די פיזישע סיבות ברענגען די תוצאות פארן מענטש. ביים דאווענען חזר'ט ער אז נישט די מעדיצין איז וואס היילט אויס דעם חולה; נישט זיינע געשעפטן מאכן אים רייך, נאר אלעס איז בגדר השתדלות, און בפועל ברענגט דער אויבערשטער אליין די רפואה און הצלחה.

**דאס איז די שוועריגקייט און 'עבודה' פון תפילה, ווייל כאטש דער מענטש טוט אלע פעולות ווי גלייך עס ווענדט זיך אין זיי, דארף ער ביים דאווענען צוקומען צו א קלארקייט און געפיל אז דאס אלעס ברענגט אים באמת גארנישט, און בלויז דער אויבערשטער העלפט אים אויף טריט און שריט** (בספר חכמה ומוסר).

### לויט ווי מען דאוונט

**דער** אלטער פון קעלם האט געטייטשט דעם פסוק (משלי כז, כא): **וְאִישׁ לְפִי מַהֲלָלוֹ**, אז דער מענטש ווערט נידון לויט זיין דאווענען. ווען מען משפט א מענטש נעמט מען בעיקר אין באטראכט וויאזוי ער דאווענט, און לויט דעם באשטימט מען אין הימל די שפע און הצלחה וואס ער זאל האבן.

?

## מִשְׁאֲלֹתָיו שׁוֹאֲלִים
שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### א ברכה אויף א דינער אדער בליץ אינמיטן דאווענען

**שאלה: ווען מען הערט א דינער אדער א בליץ אינמיטן דאווענען שחרית, וואו קען מען מאכן די ברכה, און וואו טאר מען נישט מפסיק זיין?**

תשובה: ביז ברוך שאמר קען מען לכתחילה מאכן די ברכה, און דערנאך ממשיך זיין מיטן דאווענען. פון ברוך שאמר און ווייטער זאל מען נישט מפסיק זיין צו מאכן די ברכה ביז נאך ישתבח, אבער צווישן ישתבח און יוצר אור קען מען מאכן די ברכה. אזוי אויך נאך ברכו זאל ער נישט מפסיק זיין צו מאכן די ברכה. עס זענען דא וואס זענען מתיר צווישן יוצר המאורות און אהבת עולם.

ביי הויכע שמונה עשרה אויב וועט עס אים נישט שטערן פון ענטפערן 'ברוך הוא וברוך שמו' און 'אמן', קען ער מאכן די ברכה. פון נאך הויכע שמונה עשרה קען מען מאכן די ברכה סיי-ווען.

עס דארף ווערן אנגעמערקט, אז די ברכות אויף א דינער און א בליץ דארף מען מאכן תוך כדי דיבור, איינמאל עס איז שוין אריבער די שיעור קען מען מער נישט מאכן די ברכה.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן #2

# - פרסום ראשון! -

## אַן היסטאָרישע מכתב קודש וואָס עס האט געשריבן דער שר התורה

# הגאון הגדול רבי יונתן שטייף זצ"ל

## ראב"ד קהל יראים בודאפעסט, וגאב"ד וויען

## איבער 'קדושת התפילה' און דעם הייליגן 'מי שברך' פונעם תוספות יום טוב זי"ע

## 'מה טוב להדפיס נוסח זה ולהדביקו בכל בית הכנסת בכל הגולה'



# סימן קג

[א] הסופר יעיין בכל ערב שבת בספר תורה [ב] לתקן מקוה טהרה בבית הקברות [ג] לכל הפחות אחת בשנה לקרוא ברבים "מי שבירך" שתיקן רבינו בעל תוספות יום טוב

### תקנות טובות ומועילות לזכות הרבים

**א)** מה טוב אם יתקנו האקרו"ט תטו בכל בית הכנסת, שבכל ערב שבת קודש יעיין סופר סת"ס בהספר תורה בהפרשה שיקראו באותו שבת, ואם ימצא מה להגיה שיגיהנו, ויש בזה כבוד ספר תורה, שלא תשיגנו ח"ו בושה באם ימצא טעות, ותיקון גדול להציל מברכות לבטלה, ומקיימין בזה מה שכתוב (איוב יא יד) אל תשכן באהליך עולה.

**ב)** היה ענין גדול, אם יתקנו בבית הקברות מקוה מקוה טהרה, לטבול שם מי שראוי לזה. ושמעתי שבעיר הקודש ירושלים ת"ו, טובלין כל בר-מינן, קודם שעושים הטהרה או אחר כך.

**ג)** ידוע שיש נוסח מי שברך שתיקן הרב תוספות יום טוב לקרוא ברבים בכל שבת קודש בקול רם על מי שהוא נזהר מלדבר בבית הכנסת, והוא נדפס בספר תולדות הפוסקים דף פ"ו, והעתיקנו הנה, וזה נוסחו:

**מי** שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב משה אהרן דוד ושלמה, הוא יברך השומר פיו ולשונו, מלהפסיק בשום דיבור מן ברוך שאמר עד גמר התפילה, ובשעת קריאת ספר תורה בציבור, אפילו בדברי תורה איזה דיבור, כל שכן בשיחת חולין וסיפורי שמועות, ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בתורת משה רבינו ע"ה, ובכל ספרי הנביאים, יראה זרע כשר חיים וקיימים, ויזכה לשני שולחנות שבשני עולמים, שהם העולם הזה שעליו נאמר והנה טוב, והעולם הבא שהוא יום שכולו ארוך וגם טוב, ונאמר אמן. עכ"ל.

**והיה** נראה לי לקוראו בקול רם עכ"פ פעם אחת בכל שנה, כגון ביום שני של חג הסוכות, שיהיה דוגמא למצות הקהל, שהיה המלך קורא בחג הסוכות בסוף השמיטה, כדתנן סוטה (מא.). ומה טוב להדפיס נוסח זה ולהדביקו בכל בית הכנסת בכל הגולה, ויש בזה זכות הרבים גדול עד מאד.

**אין** די איצטיגע טעג איז בעז"ה ערשינען די הערליכע נייע **'שו"ת מהר"י שטייף'**, וועלכע אנטהאלט פילע גאר הערליכע וואונדערליכע שו"ת און מכתבים פון **דער וועלט-בארימטער גאון וצדיק שר התורה רבי יונתן שטייף זצ"ל**, מלפנים ראב"ד בק"ק עדת יראים בודאפעסט, און שפעטער **גאב"ד ק"ק וויען אין וויליאמסבורג.** א גרויס טייל פון די שו"ת ווערן נתפרסם צום ערשטן מאל, און ווערט נתקבל באהבה ובהערצה ביי שוחרי תורה.

צווישן די מכתבים, ווערט דארט צום ערשטן מאל נתפרסם א מכתב עוז וואס דער גרויסע גאון זצ"ל האט געשריבן בכתי"ק, וואו ער פאדערט אויף אז מ'זאל זיין אפגעהיטן אין קדושת התפילה און מאכן דעם **הייליגן מי שברך פונעם תוס' יו"ט זי"ע.**

בייגעלייגט איז אויך א **העתק פונעם כתב יד קדשו פון דעם בריוו**, כדרכו בקודש פלעגט דער גאון שרייבן זיינע חידושים און תשובות אויף יעדער בלאט הבא לידו, מחמת חוסר דפים.

ווי מען זעט אויפן דרוקסארט איז דאס **געשריבן געווארן נאך אינדערהיים, זייענדיג אין בודאפעסט**, וואו דער רב האט משמש געווען ברבנות משנת תרפ"ב **ביז די מלחמה זומער תש"ד**, ווען מען האט זיי אלע ליידער אוועקגעפירט, און די קהילה קדושה האט ליידער געטיילט דעם גורל פון אלע קהילות קדושות בישראל - ארץ ארץ אל תכסה דמם.




עס איז גאָר מערקווירדיג ווי אונטערן קעפל **'תקנות טובות ומועילות לרבים'**, שרייבט דער גאון אין סעיף ג' דעם גאנצן **נוסח פונעם מי שברך פונעם הייליגן תוספות יו"ט** זי"ע, און פירט אויס אז לדעתו **זאל מען דאס זאגן לכל הפחות איינמאל א יאר בקול רם, און ארויסדרוקן פלאקאטן פונעם מי שברך דאס אויפצוהענגען אין אלע בתי מדרשים**, און דאס וועט זיין א **זכות הרבים גדול עד למאוד.**

שטייענדיג אין די יעצטיגע טעג פון אבילות על חורבן בית מקדשינו ותפארתינו, טראגט דער מכתב קודש פון א פריערדיגן גדול ופוסק מובהק א ספעציעלער באַדייט, ווען אידישע קינדער זוכן זיך צו פארבעסערן אין דעם כבוד בית ה', וואָס איז אונזער 'בית מקדש מעט' בארצות גלותינו, וואָס מיר האָפן אז אין דעם זכות פון מכבד זיין אונזערע בתי מדרשים וועט זיך שוין אויפבויען בקרוב דער בית המקדש השלישי, בביאת משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.





המשך פון עמוד ב'

אריבער די תקופות וואס זענען געווען ביי אידן.

האט ער אויסגעפירט: **"אבער יעצט וואס איז געבליבן פון די אלע זאכן וואס אונז האבן פארלוירן, איז געבליבן איין זאך, דאס איז די עבודת התפילה, דאס איז איין זאך וואס איז יא געבליבן ביי אונז!"**

בדרך אגב, האט דער איד דערציילט, אז בשעת ר' יונתן האט געזאגט די ווערטער האט ר' יונתן זיך אזוי אומגעקוקט, און ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען.

ער האט דערציילט, אז זיין הרגשה איז געווען אז ס'האט אים וויי-געטון וואס ער רעדט דא, אידן האלטן נאך אזא קריג, אלע דא זענען צעבראכענע מענטשן, און ער קומט זיי זאגן אז דאס ביסל וואס זיי האבן זענען זיי אויך נישט בסדר...

אזויווי ער ענדיגט וויינען, האט ער געזאגט נאך א זאך:

אין יעדע דבר שבקדושה אין אלע דורות בזמן ביהמ"ק, איז יעדע דור וואס גייט אריבער ווערט שוואכער פון דער קדושה וואס איז געווען פארדעם, ס'איז שוין נישט די הייליגקייט און חשיבות וואס איז געווען אמאל. ס'איז ירידת הדורות. חוץ איין זאך, איין קדושה איז דא היינט וואס די קדושה איז ריין אינגאנצן אזויווי פון אנהייב, דאס איז די קדושה פון 'תינוקות של בית רבן', מ'איז געבליבן ריין מיט די גאנצע ריינקייט אזויווי ס'איז געווען!

האט ער אויסגעפירט זיין דרשה מיט די פאלגענדע ווערטער:

**"אז ס'קומט אריין א איד אין ביהמ"ד און פירט זיך אויף מיט א זלזול, נישט מיט קיין כבוד הראוי וויאזוי מ'דארף זיך אויפפירן אין א שול, און א קינד זעט דאס צו, דאס איז א זאך וואס ער קען נישט האבן קיין כפרה!"**

**און ער האט ארויסגעברענגט, "אפילו א איד קען נישט דאווענען ווי עס דארף צו זיין, ער קען נישט טון די עבודה כראוי, אבער איין זאך, די התנהגות פון א שול דאס מוז יא זיין בשלימות, כדי נישט גורם צו זיין וואס ס'קען ארויסקומען פון די גרויסע פגם ווען אנדערע זעען דאס צו!"**

דאס איז איין מורא'דיגע ערשטע מעשה.

*

**נאך** אן עובדא האב איך געהערט נאכדערציילן בשם **הרה"ח ר' הערשל קאהן הי"ו** פון וויליאמסבורג (דער לעגענדארער עומד בראש פון "רופא חולים"):

ווען ער איז געווען א קינד פלעגט ער דאווענען דארט אינעם ווינערער שול, איין חוה"מ סוכות, צווישן מנחה און מעריב איז ער ארומגעלאפן אין שול לעבעדיג ווי א קינד, איז ר' יונתן שטייף צוגעקומען צו אים און געזאגט: "קום יונגעלע". ער האט אים גענומען צו די ארון הקודש, און געזאגט: "דאס איז אן ארון הקודש, וואס אינעווייניג ליגט א הייליגע ספר תורה! די גאנצע פלאץ איז א הייליגע שול, דאס איז נישט קיין פלאץ ארומצולויפן!"

דערנאך האט אים ר' יונתן געזאגט: "אינגעלע, קום מיט מיר, לאמיר גיין צו א רבי".

יענעם יאר האט הרה"ק בעל אמרי חיים מוויזניץ זצ"ל געפראוועט דעם יו"ט סוכות אינעם וויזניצער ביהמ"ד אין וויליאמסבורג אויף ליע עוו., בשכינות פונעם ווינערער שוהל. ר' יונתן איז אריבער מיט אים צום וויזניצער ביהמ"ד, און זיך געשטעלט נעבן די סוכה וואו דער אמרי חיים זצ"ל איז געזעצן און געזאגט תהילים מיט א געשמאק און נעימות. זיי זענען אזוי געשטאנען דארטן די עטליכע מינוט ביזן זמן תפלת מעריב, און אינאיינעם זיך צוגעהערט צו די תהילים זאגן פונעם רבי'ן, אלעס כדי אז ער זאל נישט זיין לאנגווייליג און ארום לויפן אין ביהמ"ד. הערשט ביים זמן מעריב האט אים ר' יונתן געזאגט: "קום צוריק, מען גייט שוין דאווענען מעריב!"

די הייליגע ריינע ווערטער פון הארצן-טיפן פון דעם אלטן צדיק איז אים אריין אין די ביינער, און געבליבן איינגעקריצט ביז'ן היינטיגן טאג.

*

**הגאון** ר' מרדכי שוואב זצ"ל - מנהל רוחני פון ישיבת בית שרגא מאנסי, ותלמיד נאמן פון מרן בעל חפץ חיים זצ"ל, האט דערציילט:

ווען ער געוואוינט אין וויליאמסבורג פלעגט ער דאווענען אין ק"ק וויען. האט ער דערציילט אז די כובד ראש און די יראת שמים אין קדושת בית המדרש וואס איז אריין אין ווינערער שול ביים עולם און ביי די מתפללים איז געווען עד כדי כך, אז ס'האט זיך אנגעזעען נישט נאר אויף די עלטערע אידן; נאר אפילו אויף די קינדער, אז זיי האבן געוואוסט אז דא איז א שול, דא רעדט מען נישט, און דא פירט מען זיך אויף מיט א דרך ארץ. ס'האט געהערשט א מורא'דיגער כבוד ה'!

*

**עס** האט דערציילט הגאון ר' שלמה ברעסלאוער זצ"ל, ער איז געווען דער רב אין בית תפילה שול אין מאנסי אסאך יארן, ער איז אוועק מיט עטליכע יאר צוריק. ווען ער איז געווען א יונגערמאן האט ער געוואוינט אין וויליאמסבורג, האט ער גדאוונט דארט אין ווינערער שול.

נאכן קריג האט זיך דאס לאנד אונגארן פארמאכט דורך די קאמוניסטן, און גאר אסאך אידן וואס זענען נישט אנטלאפן גלייך נאכן קריג זענען געבליבן שטעקן.

אין יאר תשט"ז האט אויסגעבראכן די אונגארישע רעוואלוציע, און די גרעניצן האט זיך געעפענט פאר איין תקופה אז מ'האט געקענט ארויסקומען, זענען אנגעקומען קיין אמעריקא און קיין א"י פילע אידישע משפחות. צווישן זיי זענען געווען אסאך אידן וואס האבן זיך קובע מקום געווען אין וויליאמסבורג און גדאוונט אינעם ווינערער שול, ס'איז געווען א גרויסער שול, און די שול האט זיך ממש ווי מ'געזאגט - זיך געדאפלט.

די אלע אידן וואס זענען דעמאלס געקומען שוין נאכן זיין צען יאר אין אונגארן, זענען געווען אודים מוצלים מאש, אויף ווערמען עס איז דורכגעגאנגען שווערע תקופות אין די אלע יארן, און דאס האט גורם געווען ביי א טייל פון זיי א נאכגעלאזטקייט אין עניני יהדות, אסאך דערפער און שטעט האבן געדארפט אסאך חיזוק אין אידישקייט.

אצינד, אז טייל פון די פליטים האבן זיך קובע מקום געווען אינעם ווינע'ר ביהמ"ד, האט דאס מיטגעשלעפט אויך עטליכע פונעם שוואכערן עלעמענט, און נישט כאפנדיג איז געווארן א שטיקל שינוי אין די קדושת ביהמ"ד ווי פון פארדעם.

האט הגאון רבי יונתן זצ"ל זיך אויפגעשטעלט רעדן א דרשה ווענגן דעם מיט אן אש להבה.

האט הרב ברעסלאוער דערציילט, אז די דרשה איז געווען אויף דעם ענין, אבער דער אנהייב פון דער דרשה איז געווען ווי פאלגענד:

ער האט געזאגט מיט א גרויסע התעוררות און א התרגשות, פון טיפעניש פון הארץ האט ער זיך געשריגן דעם פסוק 'ואני ברוב חסדך אבוא ביתך, אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך'!!!

שפעטער האט ער גערעדט א לאנגע אריכות אין די גרויסקייט פון א שול, אבער די התרגשות וויאזוי ער האט געזאגט דעם פסוק 'אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך', איז עפעס וואס איז אריין אין אים אין די ביינער מיט יארן שפעטער!

ווער ס'איז נאר געווען דארט

המשך אויף עמוד ט'



ה' מִמָּרוֹם יִשְׁאָג וּמִמְּעוֹן קָדְשׁוֹ יִתֵּן קוֹלוֹ שָׁאֹג יִשְׁאַג עַל נָוֵהוּ (ירמי' כ"ה) הנה הזכרתי שיש כמה עבירות שבדורינו אינם נחשבים לעבירה כלל כגון שיחת חולין בבהכ"נ ואמרתי בשם הצה"ק בעה"ח ישמח משה ז"ל דמבואר בזוה"ק דמשום זה אין ישראל נגאלין על דעבדין קלנא בשכינתא ח"ו וא' הוא מה דמשתעין בבי כנישתא וז"ש ה' ממרום ישאג ולמה ישאג הלא בידו לגאול אותנו עז"א ישאג על נוהו משום דעבדין קלנא בשכינתא ע"ש.

(ספר הישר והטוב, ח"ב דכ"ו)

המשך פון עמוד ח'

געדענקט די התרגשות וויאזוי א גאנצע קהילה האט געזען וויאזוי ער זאגט דעם פסוק, און וואס ס'מיינט ביי אים, און ס'איז באמת מיט אזא פחד.

דאס איז אריין אין זיי, און דאס האט געמאכט א מורא'דיגער שינוי, און צוריק געשטעלט דאס קדושת הבית מדרש ווי פארדעם.

*

**ס'איז** געקומען די יאר שפעטער פאר ראש השנה, אזויווי ס'איז געווען ביי די מענער נאכגעלאזט אסאך זאכן, איז אזוי אויך געווען ביי די פרויען אין עניני צניעות און אין צודעקן די האר, ס'איז געווען אסאך זאכן אין וואס זיי האבן געדארפט א חיזוק און התעוררות.

האט ר' יונתן געלאזט רופן עטליכע חשוב'ע פרויען וועלכע האבן געדאווענט ביי אים אין ביהמ"ד, און זיי געזאגט אז מפני קדושת ביהמ"ד וויל ער נישט אז די אנדערע פרויען זאלן קומען ר"ה אין ביהמ"ד אזוי נישט צניעות'דיג צוגעדעקט, ממילא בעט ער זיי, אז זיי זאלן שטיין ביים טיר פון ווייבער שול איבערצוגעבן פאר די פרויען א געהעריגע צודעק, אז ס'זאל זיין ווי עס פאסט פאר א שול און פאר כבוד ביהמ"ד.

איינער פון די מתפללים אין ביהמ"ד איז געווען דער בארימטער ירא שמים בר אוריין ובר אבהן **רבי נח ליכטער ז"ל**, דער פאטער פון **כ"ק אדמו"ר מכוונת הלב זצ"ל**, האט רבי יונתן אים געבעטן אז ער זאל בעטן זיין רביצין אז זי זאל אויך שטיין דארט און טיילן די טיכלעך. האט זי געזאגט אז זי קען עס טון, אבער בעצם איז זי צוגעוואוינט צו דאווענען אין שול די זמנים פון אדון עולם ביז נאכן דאווענען, און אז זי וועט דאס טון וועט זי נישט קענען דאווענען.

האט רבי יונתן איר געזאגט: "**אלס קדושת ביהמ"ד זאל זי דאס טון און איך וועל דאווענען פאר איר!**"

האט זי דערציילט שפעטער, אז זי האט זיך געמוטשעט מיט עפעס א מיחוש גאר א לאנגע צייט פארדעם, און פון נאך דעם ראש השנה איז אלעס אוועקגעגאנגען. זי האט געשפירט אז דאס איז געווען בזכות פונעם הייליגן רבי יונתן'ס תפלות!

אסאך שאלות וואס זענען נוגע געווען בפרט דא אין אמעריקא, ווען מ'איז אנגעקומען צו בויען שולן אין אסאך פלעצער, נישט ערליכע פלעצער וואס געוויסע רבנים האבן מיקל געווען, איז דער גרויסער גאון רבי יונתן געשטאנען בכל התוקף און לוחם געווען דערקעגן. ער האָט געשריבן און געפאָדערט אַז ס'איז בעסער צו דאווענען אינדערהיים ווי אריינגיין אין א שול וואס האט א מקום טומאה.

*

**אזוי** האט דער גאון כל ימיו געקעמפט און איז געשטאַנען ווי א לייב על משמרת קדשי בית ה', אז אידישע קינדער זאלן אפּהיטן דאס הייליגקייט און ריינקייט פון די בתי מדרשים, מ'זאל דאווענען ערליך צום אויבערשטן, און ווי אן אמת'ער גדול בישראל דאס שטענדיג געפאָדערט און איז פּערזענליך געשטאַנען דערויף, און ברוך ה' טאקע באוויזן אויפצוטון גדולות ונצורות וואָס באַגלייט אידישע קינדער עד היום הזה.

ויהי רצון אז זיינע ווארעמע דיבורים זאלן, פונקט ווי דעמאלט בימים ההם, עושה רושם זיין אויף אידישע קינדער, און בזכות פון אונזער שמירה אויפ'ן קדושת בית ה' זאל נתקרב ווערן ביאת משיח צדקינו ובנין בית מקדשינו ותפארתינו, און מיר זאלן אלע ארויפגיין אינאיינעם קיין ירושלים עיה"ק, ושם נעלה ונראה, ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות, אמן.



## ער רעדט זיך איין אז איינער קומט... ער חלומ'ט!...

**א** גוט יאר טייערע אַרויסגעבער פונעם גליון 'נקדישך'.

קודם כל וויל איך ארויסברענגען א געוואלדיגע 'הכרת הטוב' פאר דעם גליון וואס איר טוט ארויסגעבן. איר האט אריינגעברענגט אין מיר - און פארשטייט זיך אין גאנץ כלל ישראל - א מורא'דיגע חשיבות און ערנסטקייט אין די זאך וואס הייסט 'תפילה', סיי צו נזהר זיין נישט צו רעדן ביים דאווענען, און סיי בעצם צו פאַרשטיין וואָס מיינט דאָס דאַווענען, און זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן הייליגן באַשעפער באמת ובתמים.

איך וויל איבערגעבן א פערזענליכע מעשה.

עטליכע חדשים צוריק, אין די תקופה וואס אין ארה"ק האָט געפלאַקערט די מלחמה מיט איראן ה"י, האב איך ב"ה חתונה געמאכט א טאכטער דא אין מאנטריאל, בו בזמן וואס רוב פון מיין משפחה וואוינען אין ארה"ק. פארשטייט זיך אז יעדער האט געוואלט קומען מיטהאלטן די שמחה.

אלע האבן שוין געהאט באשטעלט טיקעטס צו קומען צו די חתונה. ס'איז געווען די חתונה פון אן ערשטע טאכטער מיינע. פארשטייט זיך אז די שמחה איז געווען גאר גאר גרויס. יעדער איינער האט שוין געווארט אויפן טאג זיך צו טרעפן מיט דער משפחה, און פארברענגען אינאיינעם.

למעשה, אזויווי ס'האט אויסגעבראכן די מלחמה, און די עירליינס האָבן אויפגעהערט פליען, האט מען געזען אז קיינער קען נישט קומען אויף דער חתונה, אפילו די גאר נאנטע משפחה אזויווי למשל מיינע עלטערן - זיידע און באבע פון די כלה שתחיי - וואס ביי זיי איז עס געווען די ערשטע חתונה פון אן אייניקל.

ס'האט מיך ממש צעשטערט די שמחה. ס'האט מיך אויפגעגעסן אז מיינע אייגענע עלטערן וועלן נישט קענען זיין ביי די שמחה, ווען איך פיר מיין ערשטע קינד אונטער דער חופה בשעה טובה ומוצלחת.

איך האב דעמאלט געדאווענט מעומק הלב צום הייליגן באַשעפער, פארגאסן טייכן טרערן און תפילות און געזאגט אויף מאמע-לשון:

**"רבוש"ע, דו פירסט דאך די וועלט איינער אליין, דו ביסט מסבב כל הסיבות! יא, אמת אז 'מענטשן' זאגן אז מ'קען נישט קומען, פליגער זענען געקענסלט, אבער רבוש"ע דו ביסט דאך דער כל יכול, און דער כח פון תפילה איז זייער גרויס, איך נעם מיך אונטער, אז אויב מיינע עלטערן וועלן קומען צו דער חתונה וועל איך מפרסם זיין אז מ'זאל וויסן אז דער הייליגער כח פון תפילה העלפט באמת פאר יעדן איד!"**

מענטשן זענען געקומען צו מיר פרעגן: 'נו, וויאזוי גרייטסטו זיך צו דער חתונה? דיינע עלטערן גייען נישט קומען?...'

המשך אויף עמוד י'



המשך פון עמוד ט'

און איך האב זיי מיטן גאנצן תמימות געענטפערט: "אוודאי גייען זיי קומען, איך האב אמונה אז כח התפילה העלפט!..."

מ'האט געלאכט פון מיר... איינער אָפן און איינער בלויז מיט א באהאלטענעם שמייכל, אבער קיינער האט מיך נישט גענומען ערנסט. "נו, נו, ער רעדט זיך איין אז איינער קומט... ער חלומ'ט..."

אבער צום סוף האט קיינער מער נישט געלאכט!

מען האט זיך איבערצייגט, אזויווי איך האב געזאגט אין אנהויב, אז דער כח פון תפילה איז טאקע גרויס, און ווען מ'מיינט עס אמת'דיג, מ'דאווענט בלויז צום אויבערשטן, און מ'רעדט צום אויבערשטן, מ'לאזט אראפ א טרער, העלפט דער אויבערשטער - פארשטייט זיך אויב דער אויבערשטער זעט אז ס'איז לטובה געבט ער די זאך וואס מ'האט געבעטן.

די מעשה געווען אזוי.

ווי באקאנט איז דעמאלט געווען א וועג צו קומען דורך דעם לאַנד 'עגיפטן'. מיינע עלטערן האבן זיך דאס נישט געוואלט אונטערנעמען, וויבאלד ס'איז געווען א טירחא. אבער ממש איין וואָך בעפאר די חתונה איז געקומען צו מיר א איד - וואס האט גראדע געהאט אביסל אפגעשפעט פון מיין אמונה - און מיר דערציילט איבער איינעם וואס קומט דורך עגיפטן די קומענדיגע וואך.

יענער איד איז נאנט מיט מיין משפחה, און איך האב אים דעריבער פאַרבונדן מיט מיינע עלטערן, וועלכע האבן געהערט פון אים די גענויע פרטים וואס אזא נסיעה נעמט ארום. און יענער האט מסכים געווען ארויסצוהעלפן מיינע עלטערן און די אנדערע משפחה מיטגלידער מיט וואס עס וועט זיך אויספעלן. ער האט זיי שטארק צוגערעדט אז ס'איז גארנישט אזוי קאמפליצירט, און ער וועט שטיין צוהילף מיט אַלעם עס צו מאַכן פאַסירן בסבר פנים יפות.

וחפץ ה' בידינו הצליח, זיי האבן ב"ה צוגעשטימט, און זיי האבן זיך טאקע ארויסגעלאזט אויפן וועג!

די גאַנצע משפחה איז אנגעקומען, אין שפיץ פון אונזערע עלטערן, ווען צו אונזער פרייד איז קיין גרעניץ נישט געווען!

מיר האבן געהאט א גאר לעבעדיגע חתונה ב"ה, עפעס אויסנאם ספעציעל. מ'האט געטאנצט אינאיינעם, און געלויבט דעם רבוש"ע על כל הטוב והחסד.

אינמיטן די חתונה, זעענדיג ווי איך טאנץ אזוי אינאיינעם מיט מיין טאטן מיט אזא שמחה, זענען עטליכע אידן צוגעקומען צו מיר זאגן אז יא! מיט דיין אמונה קען מען זיך נישט שלאגן, מיר זעען איין קלאר און דייטליך אז מיט דעם כח התפילה קען מען אלעס אויפטון. מ'דארף נאר אמת'דיג בעטן, מיט א ריין הארץ!

אויב מ'קען עס מפרסם זיין, וועל איך אייך זייער שטארק שעצן.

א גרויסן יישר כח פון פאראויס.

דער אויבערשטער זאל אייך געבן כח און געזונט, מיט אלע השפעות טובות, צו קענען ווייטער טון און אויפטון גדולות ונצורות, מתוך רחמים וחסדים גדולים, מיט אַלע ברכות האמורות בתורה. אמן.

ש. פ. - מאנטריאל

*

## א 'פערזענליכע' מעשה

**אל** מע"כ דעם חשוב'ן געהויבענעם גליון 'נקדישך'.

דא רעדט א בחור. קודם כל וויל איך זיך באדאנקען פאר די חשוב'ע מערכת פאר די עבודת הקודש וואס איר לייגט אריין ארויסצוגעבן דעם הייליגן גליון. עס איז נישט משיג צו זיין די געוואלדיגע תוצאות. איך ווייס נישט צי איר טוט עס אליין באגרייפן. ענק טוען אויף מורא'דיג אסאך.

איך וויל אייך פארציילן א פערזענליכע מעשה. איך ליין יעדע וואך די 'נקדישך', און איך האב קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז איך וועל זיין דער וואס וועט עפעס פארציילן... למעשה האב איך מיטגעלעבט עפעס אויסערגעווענליך.

פאר א שטיק צייט צוריק האב איך איינמאל פלוצלינג אָנגעהויבן באקומען אזא אויסשלאַג פון שווערע 'פימפלס'. ס'איז נישט קיין זאך וואס אידן וואלטן זיך געוואונטשן צו האבן. ס'איז געווען זייער ווייטאָגליך, און געשטערט טאָג-טעגליך.

מיינע עלטערן האבן מיר געגעבן שמירעכצער, איך האָב געמיינט אז ס'קומט און ס'גייט, אָבער ס'האט זיך נישט אויפגעהערט פאר א לאנגע צייט.

ביז איך האב איינמאל מחליט געווען, לאמיך עפעס טון דערוועגן!

ווי געזאגט פריער, איך ליין דאך יעדע וואך די נקדישך, האב איך געטראכט: 'איך וועל מאכן א קבלה פאר פערציג טעג נישט צו רעדן ביים דאווענען; איך בין טאקע זייער נזהר דערין, איך וועל אבער מאכן א 'קבלה', וואס דאס איז אסאך שטערקער, מיט א פעסטקייט'.

געזאגט און געטון. איך האב געמאכט א קבלה פאר פערציג טעג, און איך האב זיך אונטערגענומען אז איך וועל עס מפרסם זיין.

איך האב אבער נישט געדארפטווארטן פאר די פערציגסטע טאג... א וואך נאכדעם איז נישט געווען מער קיין זכר פון די אלע אויסשלאַגן און פימפלס - גארנישט מער!

אויב איר קענט עס אריינלייגן אינעם גליון וואלט געווען א גרויסע זאך פאר מיר, וויבאלד איך האב זיך אונטערגענומען צו מפרסם זיין.

א הארציגן יישר כח!

*

## א קבלה אויף חיזוק בתפלת מנחה

**לכבוד** מערכת גליון הקדוש 'נקדישך'.

אן אינטערעסאנטע מעשה האב איך געהאט די וואָך, אפילו ס'איז נישט וועגן נישט רעדן ביים דאווענען, איז עס אבער 'איבער דאווענען'.

איך בין געווען ביים ציון פונעם הייליגן ריבניצער זי"ע, האב איך זיך מקבל געווען א שטארקע קבלה - אזויווי ביי מנחה זענען אסאך מענטשן ליידער נישט נזהר אין די גאנצע 'וידבר', מ'קומט אן, מ'זאגט אשרי, און מ'שטעלט זיך שמו"ע..

וועל איך אי"ה פאר 'פערציג טעג' דאווענען 'געהעריג', פון 'וידבר' פאר מנחה, און נישט נאר מנחה, און איך האב געבעטן פונעם הייליגן באשעפער, דארט ביים ציון פון ריבניצער צדיק, א ישועה.

און איך קען אייך פארציילן מיט גרויס פרייד, אז ב"ה פונקט אין דעם פערציגסטן טאג איז די ישועה אנגעקומען!

איך האב צוגעזאגט מפרסם צו זיין די מעשה, אויב איר קענט עס אריינלייגן וועט עס מיר זיין א גרויסע טובה.

ס'איז אן אינטערעסאנטע מעשה, און איך האף אז נאך אידן זאלן נעמען דערפון א התעוררות, אז מ'דארף זאגן יעדן טאג מנחה געהעריג אנהייבן פון 'וידבר', און נישט צוענדיגן שפעטער. דאס איז די ריכטיגע שלימות פונעם דאווענען!

הצלחה רבה, כל טוב.

ח. ש. ב. - מאנסי נ. י.

*

## ישועות נאך א קבלה קאמפיין

**לכבוד** המערכת של 'נקדישך'.

איך בין א חתן אין ישיבה, און איך וויל אייך איבערגעבן וואס איך האב פערזענליך געהאט.

מיט אנדערהאלבן חודש צוריק האב איך דורכגעפירט א 'קבלה-דרייוו' ביי אונז אין ישיבה, אז מ'זאל זיך אונטערנעמען נישט צו רעדן ביים דאווענען און ביים ליינען פאר פערציג טעג, אז ס'זאל זיין לזכות די אלע בחורים פון אונזער כיתה וואס זענען נאכנישט קיין חתנים.

ס'זענען נאך געווען היבש בחורים וואס זענען איבערגעבליבן, נאך די פערציג טעג.

למעשה, מיר שטייען יעצט, מ'האט געענדיגט די קבלה זעקס טעג צוריק, און איך - דער גבאי הקבלה - בין געווארן א חתן אינמיטן, און נאך צוויי אנדערע בחורים, נאכדעם איז געווארן א דריטער, און נאכדעם א פערטער, און דער אויבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל זיין א גאנצע צייט נאר בשורות טובות.

טאמער ס'איז שייך, איך האב זיך געהאט אונטערגענומען מפרסם זיין, ביטע אויב מ'קען עס מפרסם זיין און עס אריינלייגן אינעם גליון.

שכרכם הרבה מאוד! אזא המשך אויף עמוד י"ב

זייט א מזכה את הרבים!
במשך די זומער ווערט ספעציעל אראפגעלייגט א גרעסערע קוואנטום פונעם 'נקדישך גליון' אויף די פאלגענדע ערטער, אז איר זאלט דאס קענען אהיים נעמען און פארשפרייטן ביי אייך אין קאנטרי:
ראלי האטעל (סאוט פאלסבורג)
וויזניץ, גיבערס (פאלסבורג)
ניקלשבורג קאנטרי (וואודבורן)
קרית ויואל משה (איחוד) (מאנטיסעלא)
לפידות קאנטרי (ווייט לעיק)
נועם אלימלך (סוואן לעיק)

# טייערע אידן!

# ווי לאנג נאך?

## דברים נוראים

מספה"ק לחמי תודה ממרן מהר"י באסאן זצ"ל

**ולא יפלא בעיניו אורך גלותנו, כי די והותר בעון השיחה בטלה שרבים מקילים בה בבית כנסת להיות גורם!**

ובדברי רשב"י ז"ל עצמו בפ' אחרי מות (ע"ה ב') דעל תלת מילין מתעכבין ישראל בגלותא וחד מינייהו על דעבדין קלנא בשכינתא בגלותא, שאין ספק אצלי שעל השיחה בטלה בבה"כ כיוון:

קרן תוספות יום טוב

המשך פון עמוד י'

רעוואלוציע אין כלל ישראל לאזט זיך נישט גלייבן!

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אז ס'זאל ברענגען אז נאך אסאך טויזנטער אידן זאלן זיך אפלערנען דערפון ביתר שאת וביתר עז.

ישר כחכם! הצלחה מרובה!

*

## א פאון קאָל פון מעדיצינישן אפיס

**א גוטן,** דא רעדט א.מ.י.ש.

איך וויל איבערגעבן מיין פריוואטע געשעעניש. קודם כל א הארציגן דאנק פאר די הייליגע גליונות נקדישך. דאס איז מקרב אידישע הערצער צו שפירן א ליכטיגקייט און טעם אין דאווענען!

איך ליין שוין 'נקדישך' די לעצטע זיבן-אכט יאר. ס'איז מורא'דיג וואס איר טוט אלס אויף.

און יעצט צו מיין מעשה:

איך האב זיך שטארק געמוטשעט מיט א געוויסער פראבלעם, וואס עס איז זייער שווער אנצוקומען צו אן אפוינטמענט צו א דאקטאר וואס זאל היילן אויף דעם. ס'איז דא א ספעציעלע גרופע וואס האלטן זיך צוזאמען אין דעם שווערן מצב, און מ'רעדט זיך דורך וואו מ'גייט און צו וועלכע אפוינטמענט.

מ'האט גערעדט פון איין פלאץ וואו ס'איז זייער זייער שווער אנצוקומען, אבער דאס קען העלפן צוצוברענגען צו די נויטיגע רעזולטאטן.

איך בין א בחור אין ישיבה און מיין מאמע האט מיר געזאגט אז מ'ארבעט אויף דעם, אבער ווייסט דאך, ס'איז דא פופציג-פערציג מענטשן וואס ווארטן אויף דעם און ס'מוז נישט זיין אז ס'וועט געשען. מ'ווייסט נישט וואס וועט זיין.

אזוי ווי כ'האב דאס געהערט, האט דאס מיר אנגעצינדן א לעמפל. איך האב שוין געהאט געמאכט קבלות, אבער נישט אייביג בין איך געהאלפן געווארן. האב איך מחליט געווען, אז יעצט א גוטע צייט!

ס'איז געווען פונקט ר"ח, האב איך אפגעמאכט צו מאכן א קבלה פאר פערציג טעג, נישט צו רעדן ביים דאווענען פון אנהייב ביזן סוף. א נייער חודש, א נייע קבלה. מיט א פרישקייט.

ס'גייט נישט דורך קיין צוויי טעג, איך קום אהיים פון ישיבה, און מיין מאמע זאגט מיר, נישט מער און נישט ווייניגער, אז זי האט פריער באקומען א פאון קאָל פון מעדיצינישן אפיס אז איך קען אריבערקומען! איך האב אן אפוינטמענט!

איך בין געווען שאק ביז גאר. מענטשן פרובירן דאס שוין יארן, און דא האב איך גערופן, און עטליכע טעג שפעטער עס באקומען!

איך בין געווען שאקירט, און יעדער איז געווען שאק ווען מ'האט געהערט מיין מעשה. ס'איז געווען ממש וואונדער איבער וואונדער.

איך האב צוגעזאגט דאס מפרסם זיין אז בזכות זה זאלן מענטשן ווערן נתעורר. יישר"כ פאר ענק נאכאמאל, איך בין באמת דאנקבאר מעומק הלב.

נישט דא קיין ווערטער. יישר"כ.

*




### מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org